



LES CAHIERS YIDDISH

Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre


# ייִדישע העפֿטן

נומער לכּבֿוד
ראָש-השנה

קלמן פּאָלגער:
די וועלט פֿון
שלום-עליכם

Kalman POLGER :
(ISRAËL)

*Le Monde de Sholem Aleikhem*


n° 128/129 SPECIAL ROCH-HACHANA 5769 - 2008/2009

SEPTEMBRE/OCTOBRE 2008 סעפּטעמבער/אָקטאָבער

prix : 5 euros

Revue diffusée avec l'aide de la Fondation Mémoire de la Shoah

**מיראַנדאַ טוּוויַג** /קאַנאַדע

# "מיר טראַכטן וועגן ייִדיש..."

פּראָפ. מאַקס קאָהן האָט אונדז צוגעשיקט אַ בינטל געדאַנקען אַרום ייִדיש אָנגעשריבן פון אַ תּלמידה פון לאָרנאַ סמית פון קאַנאַדע, **מיראַנדאַ טוּוויַג**, מיט וועלכע מיר טיילן זיך מיט אונדזערע לייענער.

טײַערע אַדמיניסטראַטאָרן און לערערס, ליבע עלטערן און משפּחות·, פֿרײַנד, און גראַדואַנטן, איך רעד הײַנט מיט אַ געמיש פֿון גליק און טרויער. אַזוי ווי טביה זאָגט, אויף איין האַנט, זײַנען מיר עלטער און מער דערוואַקסן. אָבער אויף דער אַנדערער האַנט, לאָזן מיר איבער אַ שול פֿול מיט פֿינף יאָרן פֿון זייער טײַערע זכרונות. אויף דער דריטער האַנט, וועלן מיר שווער אַרבעטן און זיך פֿאַרבינדן מיט דער גרעסערער וועלט. און אויף דער פֿערטער האַנט, לאָזן מיר איבער אַ שול וואָס האָט אויפֿגעדעקט פֿאַר אונדז די קולטור, טראַדיציע, רעליגיע, און שפּראַך פֿון אונדזערע עלטער עלטערן. נו, ווי אַזוי **דאַרף** מען פֿילן? איך מיין אַז ס׳איז נאָרמאַל צו פֿילן ביידע סײַ טרויער, סײַ גליק. אָבער איין פֿראַגע וואָס האָט איין קלאָרן ענטפֿער איז: האָבן מיר אָנגענומען אויף זיכער טיילן פֿון ביאַליק? איך מיין אַז יאָ און איין גרויסע סיבה איז ווײַל מיר האָבן געהאַט דעם זכות צו לערנען יידיש. פֿאַר די מענטשן וואָס ווייסן ניט, האָבן מיר, די תּלמידים, געלערנט יידיש דרײַ מאָל אַ ציקל. עס זײַנען אויך דאָ אַ סך תּלמידים וואָס האָבן געלערנט יידיש פֿאַר צען יאָר. איך בין איינע פֿון זיי. מיר זײַנען אַזוי צוגעוווינט צו לערנען און צו הערן יידיש אין אונדזער שול אַז מיר טראַכטן וועגן יידיש ווי אַן אַלגעמיינער לימוד. אָבער די וואָס האָבן געלערנט אין לערערין סמיט׳ס קלאַס, האָבן געהאַט אַ ספּעציעלע פּריווילעגיע פֿון זינגען אין דעם יידישן כאָר. מיר האָבן געזונגען ניט נאָר אין שול, אָבער אין דער קהילה, און דאָס האָט אויפֿגעדעקט אונדזער וויסנשאַפֿט וועגן אונדזערע וואָרצלען.

←

## מיראַנדאַ טוּוויִג /קאַנאַדע : "מיר טראַכטן וועגן ייִדיש..."

מיר וועלן אייביק געדענקען די לידער און איך האָף אַז מיר וועלן זיי לערנען צו אונדזערע קינדער און אונדזערע קינד'ס קינדער. עס קען זײַן אַז עטלעכע פֿון אונדז וועלן ניט נוצן ייִדיש אַזוי פֿיל ווי איצט, אָבער מיר וועלן אַלעמאָל געדענקען די אויסדרוקן, די לידער, און די רײַכע ליטעראַטור , מעשׂות פֿון י.ל פּרץ און שלום אליכמען. ייִדיש איז באמת אַ וויכטיקער טייל פֿון אונדז. אַ טייל פֿון אונדזער געשיכטע און משפּחה. מען האָט גמוטשעט מענטשן ווײַל זיי זײַנען געווען ייִדן און האָבן גערעדט ייִדיש און צוליב דעם, האָבן זיי ניט געקענט זײַן קיין בירגערס אין אַנדערע לענדער. אָבער, זיי האָבן אָנגעהאַלטן און מיר זײַנען דאַנקבאַר. מיר וווינען אין אַ פֿילקולטורעל לאַנד, וועט עס זײַן גרינג פֿאַר אונדז צו ווײַטער רעדן די טײַערע ייִדישע שפּראַך. איך בין זיכער אַז אונדזערע אבות וואָלטן מיט דעם זייער שטאָלץ געווען.

מײַן זיידע האָט געקענט זעקס שפּראַכן למשל שפּאַניש, ייִדיש, ענגליש, רוסיש און אַזוי ווײַטער. אָבער איצט איז ער קראַנק און קען זיי ניט געדענקען. אָפֿט מישט ער צוזאַמען איין שפּראַך מיט אַן אַנדערער. אָבער, יעדן פֿרײַטיק פּראָווען מיר שבת מיט דער גאַנצער משפּחה און אַ מאָל זינג איך אַ ייִדיש ליד. כ'ווייס ניט ווי אַזוי אָבער ווען איך זינג, דערמאָנט ער זיך פֿון זײַן לעבן און ער הייבט אָן דערציילן וועגן זײַנע איבערלעבונגען. ער הייבט אויך אָן זינגען די לידער וואָס ער האָט געזונגען ווען ער איז געווען אַ ייִנגל. און איינע פֿון די בעסטע זאַכן פֿון זינגען די לידער איז זײַן גרויסן שמייכל און ווען ער נעמט מײַן האַנט און הייבט אָן אַפֿילו לאַכן! דאָס איז וואָס ייִדיש מיינט צו מיר. איך בין זיכער, אַז יעדער ~~יעדער~~ איינער פֿון אײַך האָט אײַער אייגענעם באַטײַט פֿאַר ייִדיש אין אײַערע משפּחות.

אַ סך פֿון די גראַדואַנטן האָבן געזען די שפּיל "ניט קיין ראָזשינקעס, ניט קיין מאַנדלען", וועגן קינדער, ווי אונדז, אין אַ געטאָ. אַ סך פֿון אײַך זײַנען אויך געפֿאָרן קיין פּוילן אין דעם מאַרש

←

## מיראַנדאַ טוווייַג /קאַנאַדע : ״מיר טראַכטן וועגן ייִדיש...״

פֿון די לעבעדיקע. איר האָט געזען די שרעקלעכע קאָנסענטראַציע לאַגערן און געלערנט וועגן די אַכזריות (Achzoryes) וואָס די יידן האָבן איבערגעלעבט. ווען איר האָט זיי געזען, האָט איר געהאַט שטאַרקע און וויכטיקע געפֿילן אין אייַערע הערצער.

**איך בעט אייַך, פֿאַרגעסט זיי ניט.**

איין מאָל, ווען מיר האָבן פֿאָרגעשטעלט די שפּיל, איז אַ גרופּע לעבן געבליבענע פֿון דער שואה געקומען. זיי האָבן געזען די שפּיל און געוויינט. נאָך דער שפּיל האָבן זיי אונדז געפֿרעגט פֿראַגעס אַזוי ווי ״קענען מיר יידיש?״. ווען מיר האָבן זיי געזאָגט אַז אַ סך פֿון אונדז לערנען די יידישע שפּראַך אין ביאַליק, זייַנען זיי געווען זייער צופֿרידן. דאָס האָט מיך געמאַכט פֿילן זייער שטאָלץ ווייַטער אָנגיין מיט דער יידישער שפּראַך.

איצט גראַדוירן מיר. מיר האָבן זכרונות פֿון אַ ווערעמער היים ביאַליק. מיר האָבן געמאַכט גוטע פֿריינד וואָס מיר וועלן האָבן אויף אייביק. עס קומט אונדז אַלע, די גראַדואַנטן, די עלטערן און די לערערס אַ האַרציקן מזל טוב.

אָבער געדענקט, נוצט אייַער יידיש ווו און ווען איר קענט אין דער צוקונפֿט. איר האָט אַ טייַערע מתּנה, און מיר גראַדואַנטן, האָבן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייַט(farant fortlechkayt) מאַכן זיכער אַז יידיש זאָל אייביק לעבן. און עלטערן, אַפֿילו אַז אַ סך פֿון אייַך קענען בלויז אַ ביסל יידיש, דערמאָנט אייַערע קינדער צו רעדן אַ יידיש וואָרט, דערציילן אַ יידישע מעשה, אָדער זינגען אַ יידיש ליד.

אַזוי ווי דאָס באַרימטע ליד ״אויפֿן פריפּעטשיק״ וואָס איך וועל איצט פֿאַר אייַך זינגען.

Miranda Tuwaig